**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/19/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהייב קאנסטרוקציע אויף 55 מיליאן דאלערדיגע אפפאל-וואסער באהאנדלונג פראיעקט אין באפעלאו**

***סטעיט אינוועסטירונג פירט פאראויס דער ׳באפעלאו סוער אויטאריטעט׳ס׳ פלאן צו פארבעסערן באהאנדלונג און רעדוצירן סוער איבערלויף צום ניאגארא טייך***

***מאדערניזירן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור וועט העלפן באשיצן פובליק געזונטהייט און דער ענווייראָנמענט***

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן 50׳סטן יארטאג פון דעם היסטארישן ׳פעדעראלער ריינע וואסער אקט׳, האט גאווערנער קעטי האקול היינט אנאנסירט דאס אנהייבן קאנסטרוקציע אויף א 55 מיליאן דאלערדיגע אפפאל-וואסער פארבעסערונג פראיעקט ביים בירד איילענד אפפאל-וואסער באהאנדלונגס איינריכטונג אין דער שטאט באפעלאו. ניו יארק סטעיט אינוועסטירט 55 מיליאן דאלער צו פינאנצירן דעם פראיעקט, וואס איז א טייל פון דער ׳באפעלאו סוער אויטאריטעט׳ס׳ לאנג-טערמיניגע פלאן צו מאדערניזירן דעם בירד איילענד איינריכטונג און באדייטנד רעדוצירן די מאס פארפעסטונג וואס קומט אריין אין דעם ניאגארא טייך. דער פראיעקט וועט העלפן פארזיכערן ריינערע, געזונטערע וואסער פאר אלע איינוואוינער און באזוכער צו באפעלאו און דער ברייטערער מערב ניו יארק געגנט.

״אינאיינעם, אין שטארקע צוזאמארבעט מיט דער ״יו-עס ענווייראנמענטאלע אפהיטונג אגענטור׳, לייגט ניו יארק סטעיט א סוף צו צענדליגע יארן פון אומאינוועסטירן אין קריטיש נייטיגע וואסער אינפראסטרוקטור וואס איז פארנאכלעסיגט און צעפאלן געווארן,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דער 55 מיליאן דאלערדיגער פראיעקט וועט זיין קריטיש אויף אפצוהיטן אונזער פובליק און ענווייראנמענטאלע געזונטהייט, און איז די לעצטע אינוועסטירונג אין אונזער לאנד-וועגווייזיגע באמיאונגען צו מאדערניזירן ניו יארק׳ס וואסער אינפראסטרוקטור. מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו מאקסימיזירן ניו יארק סטעיט׳ס פרעצעדענטלאזע ריינע וואסער אינוועסטירונגען און די היסטארישע פינאנצירונג אין דעם פעדעראלןביידע-פארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ אויף צו העלפן באשיצן אונזערע טייערע וואסער אוצרות און פארזארגן א געזונטע סביבה פאר אונזערע פאמיליעס, ביזנעסער און קאמיוניטיס צו בליען.״

עס איז געלייגט געווארן דעם גרונטשטיין פאר׳ן פראיעקט ביי א צערעמאניע אין באפעלאו היינט אין צוזאמארבעט מיט דער ״יו-עס ענווייראנמענטאלע אפהיטונג אגענטור׳. דער צוזאמקונפט האט געצייגט ניו יארק׳ס לאנד-וועגווייזיגע אנטשלאסנקייט צו ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען און צו דעם יסודות׳דיגן ציל פון דעם ׳ריינע וואסער אקט׳, איינגעפירט אין אקטאבער 1972, ״אויף אויפצוריכטן און אויסהאלטן די כעמישע, פיזישע און ביאלאגישע גאנצקייט פון דעם לאנד׳ס וואסערן.״

דאס אנהייבן קאנסטרוקציע אויף דעם פראיעקט איז א הויפט גרייכפונקט אין דעם ׳באפעלאו סוער אויטאריטעט׳ס׳ קורס צו לייזן לאנגיעריגע פארלעצונגען פון דעם ׳ריינע וואסער אקט׳ אונטער אן אדמיניסטראטיווע באפעל פון דער ״יו-עס ענווייראנמענטאלע אפהיטונג אגענטור׳ וואס איז אויסגעארבעט געווארן אין קאארדינאציע מיט׳ן ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג. די בירד איילענד אפפאל-וואסער באהאנדלונגס איינריכטונג איז ארגינעל געבויט געווארן אין די 1930׳ער יארן און גע׳אפגרעיד׳עט אין די 1970׳ער יארן. דער פראיעקט היינט אויסגעמאלדן איז א טייל פון דער ׳באפעלאו סוער אויטאריטעט׳ס׳ לאנג-טערמיניגן פלאן צו ברענגען פארעלטערטע אינפראסטרוקטור אין אויספאלגונג מיט סטאנדארטן. דער דאזיגער פראיעקט וועט העכערן די איינריכטונג׳ס קאפאציטעט צו באהאנדלען אינטענסיווע רעגן פאסירונגען וואס קען איבערוועגן באפעלאו׳ס סוער/ שטורעם-וואסער סיסטעם. די פארבעסערונגען וועלן רעדוצירן אומבאהאנדלטע סוער ארויסגאס צום ניאגארא טייך. צוקונפטיגע פראיעקטן אין דעם פלאן רעכענען אריין שטערקערע סוער באהאנדלונג פראצעסן און פארזאמלונג סיסטעם פארבעסערונגען.

ניו יארק סטעיט האט פארשפראכן 55 מיליאן דאלער אין גרענטס אין נידעריגע-קאסט פינאנצירונג אויף צו פאַנד׳ען דעם פראיעקט, די ׳ענווייראנמענטאלע איינריכטונגען קארפאראציע׳ האט געגעבן א 9 מיליאן דאלערדיגע גרענט פון דעם ׳וואס אינפראסטרוקטור פארבעסערונג׳ גרענט פראגראם און א 9 מיליאן דאלערדיגע גרענט פון דעם ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ און דער דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג האט געגעבן 10 מיליאן דאלער אין סטעיט פינאנצירונג פון דעם וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקט גרענט פראגראם. דער ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ פינאנצירט די איבעריגע קאסטן פון דעם פראיעקט מיט נידעריגע-קאסט פינאנצירונג דורך דעם ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳.

אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, האבן די ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ און דער דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג געשאנקען איבער 900 מיליאן דאלער אין סטעיט פינאנצירטע גרענטס צו פארבעסערן מוניציפאלע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין דעם פארלאפענעם יאר אליין. דער ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ אפערירט דעם גרעסטן ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ אין דעם לאנד, האבנדיג צוגעשטעלט איבער 33.4 ביליאן דאלער אין פינאנציעלע הילף פאר ניו יארקער מוניציפאליטעטן פאר ריינע וואסער פראיעקטן זינט 1990.

**׳ניו יארק סטעיט ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ פרעזידענטקע און CEO מאורין עי. קאולמאן האט געזאגט,** ״די באדייטנדע רעסאָרסן אריינגערעכנט אין דער היינטיגער מעלדונג וועט אונטערשטרייכן גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו העלפן פארזיכערן אז אלע ניו יארקער קאמיוניטיס האבן די פינאנציעלע הילף נייטיג אויף אונטערצונעמען זייערע קריטיש נייטיגע סוער און טרונק-וואסער פראיעקטן. דער ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ ערווארט נאך מער סוקסעס געשיכטעס אזוי ווי מיר פאָרן צוזאם דעם סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגער וואסער קוואליטעט אינוועסטירונג מיט די היסטארישע פינאנצירונג אין דעם פעדעראלן בייפארטיזאנער אינפראסטרוקטור געזעץ.״

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער און פארזיצער פון דעם ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״דער דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג אפלאדירט די שטאט באפעלאו פאר׳ן פאראויס-פירן דעם קריטיש-וויכטיגן פראיעקט און ארבעטן נאענט מיט׳ן סטעיט צו באשיצן דעם ראיאן׳ס וואסער קוואליטעט. מיט סטעיט רעסאָרסן אין פארעם פון באדייטנדע גרענטס און נידעריגע-קאסט הלוואות, טוט גאווערנער האוקול ווידעראמאל ציינן ניו יארק׳ס אנגייענדע שטיצע פאר מוניציפאלע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אפגרעידס וועלכע וועלן מאכט מערקווירדיגע פארשריט אין פארבעסערן די סביבה,

וואוין-ערטער און לעבנס-קוואליטעט פאר מערב ניו יארקער, און גלייכצייטיג שאפן גוט-באצאלטע ׳גרינע׳ קאנסטרוקציע דזשאבס.״

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** ״איך האב שטארק געשטיצט דעם ׳בייפארטיזאנער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאָבס אקט׳ — מיט׳ן כוונה פאר אזעלכע פלעצער ווי באפעלאו — אויף ענדליך צו מאכן די העכסט-נייטיגע אפגרעידס צו אונזער פארעלטערטע מיסט-וואסער אינפראסטרוקטור, פארזיכערנדיג דערמיט אז מערב ניו יארקער פאמיליעס ווערן צוגעשטעלט אפגעהיטענע טרונק-וואסער, און האלטן נאטורליכע אוצרות ווי דער ניאגארא טייך און די גרעיט לעיקס פריי פון סוּער איבערגאס. איך שטאלציר מיך צו ליפערן די פעדעראלע פינאנצירונג צו מאדערניזירן באפעלאו׳ס מיסט-וואסער אינפראסטרוקטור און איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר׳ן שטעלן די פעדעראלע דאלארען צו א גוטן באניץ דורך האלטן ניו יארקער זיכער, געזונט און א שפע פון גוט באצאלטע דזשאבס.״

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** ״אין 1968, נאך יארן נאכאנאנד אינדוסטריעלע פארפעסטונג, האט אויסגעבראכן א פייער אויפ׳ן באפעלאו טייך, אונטערצינדנדיג דעם סאמע ערשטן ׳ערד טאג׳ וואו דער פובליק האט פארלאנג שינויים אויף צוצושטעלן באשיצונגען פאר ריינע לופט, שטחים און וואסערן.  פיל פארשריטן זענען געמאכט געווארן זינט דער ׳ריינע וואסער אקט׳ איז אונטערגעשריבן געווארן אלס געזעץ 50 יאר צוריק.  דער דאזיגער פראיעקט בויט אויף די פארשריטן וואס מיר האבן געמאכט אין רייניגן ארטיגע וואסער-וועגן און צושטעלן פאר די איינוואוינער פון באפעלאו און מערב ניו יארק א געזונטערע סביבה.״

**סטעיט סענאטאר שעאן רייען האט געזאגט,** ״די אפגרעידס צום בירד איילענד אפפאל-וואסער באהאנדלונגס איינריכטונג פארטרעטן א באדייטנדע אינוועסטירונג אין די געזונט פון אונזער ארטיגער ענווייראָנמענט און די זיכערהייט פון מערב ניו יארקער. דורך רעדוצירן סוּער איבערגאס פארפעסטונג וועט דער פראיעקט מאכן דעם ניאגארא טייך מער אפגעהיטן פאר פארוויילונגס אקטיוויטעטן און באשיצן די פיש און באשעפעניש-וועלט וואס וואוינט אינעם טייך.״

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** ״דער היסטארישער פראיעקט וועט פארבעסערן אונזער ענווייראָנמענט און פארזיכערן אז די לאנג-טערמיניגע סטאביליטעט פון באפעלאו׳ס מיסט-וואסער באהאנדלונג אינפראסטרוקטור. די דאזיגע צוזאמארבעט צווישן אלע שטאפלען פון רעגירונג איז א גלענצנדןביישפיל פון וואס מיר קענען אויפטון ווען מיר ארבעטן אלע אינאיינעם און אינוועסטירן אין אונזער אינפראסטרוקטור און אונזער ענווייראָנמענט. קאנגראטולאציעס צו יעדער וואס זייער שווערע ארבעט האט געפירט צום היינטיגן טאג.״

**באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** ״פארזיכערן אז אונזער שטאט׳ס אינפראסטרוקטור האלט מיטט מיט דעוועלאפמענט און איז וויכטיג צום ערפאלג פון אונזער קאמיוניטיס ווייטערדיגע אויפבלי — דער 55 מיליאן דאלערדיגע ׳צווייטער באהאנדלונג סיסטעם רעהאביליטאציע פראיעקט׳ ביי דער ׳באפעלאו סוּער אויטאריטעט׳ס׳ בירד איילענד באהאנדלונג איינריכטונג איז א הויפט שטיקל דערפון.  איך דאנק גאווערנער האוקול און אונזערע אנדערע ארטיגע, סטעיט און פעדעראלע פירער וועלכע זענען געווען בייהילפיג אין שטעלן אין גאנג דעם פראיעקט. אפגרעיד׳ען די דאזיגע איינריכטונג איז נאך א ביישפיל פון מיין אדמיניסטראציע׳ס לאנגיעריגע אנטשלאסנקייט איבערצובויען אויף נאך א שטערקערער, געזונטערער און מער שטאנדהאפטיגער באפעלאו.״

**ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק האלטן אן ווייטער העכערן אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. גאווערנער האוקול׳ס 2022-23 דורכגעפירטן בודזשעט גיבט ערלויבעניש פאר נאך 1.2 ביליאן דאלער,

פאר א סה״כ 4.2 ביליאן דאלער פאר דעם פארגעשלאגענעם ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד׳ געזעץ. די היסטארישע איניציאטיוו, צו ווערן אויפגענומען דורך ווילער שפעטער דאס יאר, וועט אָפּדעיט׳ען פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; רעדוצירן לופט פארפעסטונג און נידערן קלימאט-ענדערנדע עמיסיעס; אויפריכטן באשעפעניש וואוין-ערטער; פארשטערקערן קאמיוניטיס ווידערשטאנד-פעאיגקייט קעגן שווערע שטורעמעס און פליייצונגען; אפהיטן אפן-לופטיגע ערטער און ארטיגע פאַרמס; און פארזיכערן גלייכקייט דורך אינוועסטירן לכל הפחות 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון הילפס-מיטלען אין קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן.

אין צוגאב אנטהאלט אויך דער בודזשעט נאך 500 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, ברענגנדיג דעם סטעיט׳ס סך הכל ריינע וואסער אינוועסטירונג צו 4.5 ביליאן דאלער זינט 2017. עס אנטהאלט אויך א רעקארד 400 מיליאן דאלערדיגע ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד צו שטיצן קלימאט ענדערונג לינדערונג און צופאסונג באמיאונגען, פארבעסערן אגריקולטורעלע מיטלען צו שטיצן שטאנדהאפטיגע אגריקולטור, באשיצן אונזערע וואסער קוועלער, ווייטער פירן קאנסערוואציע באמיאונגען, און צושטעלן פארוויילונגס מעגליכקייטן פאר ניו יארקער.

**ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן ווערט געמוטיגט זיך צו באטייליגן אין ריינע וואסער-אפשיידן נויטיגט זיך אין אן סורוועי**

דער ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ מוטיגט מוניציפאליטעטן אנטיילצונעמען אין די ׳יו-עס ענווייראנמענטאלע אפהיטונג אגענטור׳ס׳ ריינע וואסער-אפשיידן געברויכן סורוועי, וואס דער ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ האט אוועקגעשטעלט אין ניו יארק אום מערץ 1׳טן. אנטיילנעמען איז קריטיש-וויכטיג, וויבאלד עס קען אפעקטירן וויפיל פעדעראלע ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד פינאנצירונג וועט ווערן צוגעטיילט צו ניו יארק סטעיט צו פינאנצירן צוקונפטיגע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. מוניציפאליטעטן ווערן געבעטן גרייט מאכן דאקומענטן איבער זייער קאמיוניטי׳ס מיסט-וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן אויף אריינצוגעבן צו EPA. ענווייראנמענטאלע באשיצונג אגענטור, און יו-עס גייט צו www.efc.ny.gov/needs אריינצוגעבן דאקומענטן און פאר הילפס-מיטלען ארויסצוהעלפן מיט׳ן איינגעבן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418